# אַ בליק

## אין תלמוד תורה היכל הקודש ירושלים

בס"ד

תלמוד תורה
היכל הקודש
ברסלב - ירושלים
מיסודו של כ"ק מוהרא"ש זי"ע
בנשיאות מורינו הראש ישיבה שליט"א
ו
פרשת כי תשא

### פארציילט אין חדר

**דער אייבערשטער איז איבעראל**

דער מלמד האט דערציילט פאר די קינדער די מעשה ווי שלמה המלך האט זיך דערוואוסט פון הימל אז זיין טאכטער דארף חתונה האבן מיט דער ארעמסטער בחור פון שטאט, גלייך ווי שלמה המלך האט זיך עס דערוואוסט האט ער גענומען זיין טאכטער צו א אינזל אינמיטן ים און דארטן געבויעט א גרויסע טורעם און איר פארשלאסן אין דעם טורעם, און שלמה המלך פלעגט איר יעדן טאג שיקן עסן מיט א אדלער, איין טאג האט דער ארימער בחור נישט געהאט וואו צו שלאפן האט ער זיך אריינגעלייגט שלאפן אין א פעל פון א טויטער הערש, דער אדלער זוכנדיג עסן פאר שלמה המלך'ס טאכטער האט באמערקט א טויטער הערש אויפן גאס מיינענדיג אז דער הערש איז נאך גאנץ מיט זיין פלייש האט ער אויפגעהויבן דעם הערש און עס געטראגן צו שלמה המלך'ס טאכטער אויפן אינזל, ווי ער האט אראפגעלייגט דעם הערש אויפן אינזל האט שלמה המלך'ס טאכטער געזען אז אין די פעל ליגט א בחור, אזוי האבן זיי חתונה געהאט דעם בחור מיט שלמה המלך'ס טאכטער און זיי האבן געהאט קינדער, א שטיק צייט שפעטער האט שלמה המלך געוואלט זען וואס טוט זיך מיט זיין טאכטער איז ער אראפגעפארן צום אינזל, ווי ער קומט אן זעט ער א גאנצע משפחה, א מאן א ווייב מיט קינדער, גלייך האט אים זיין טאכטער דערציילט די גאנצע מעשה, האט שלמה המלך שוין געזען אז פונעם אייבערשטן קען מען נישט אנטלויפן, דער אייבערשטער טוט אלעס, זעט אלעס און ווייסט אלעס, און אז דער אייבערשטער וויל עפעס טון קען אים קיינער נישט אפהאלטן פון עס טון

### נייעס אין חדר

**הלכות ברכות**

די וואך האבן אונז ווייטער געלערנט מיט די טייערע קינדער משניות ברכות פרק ו - כיצד מברכין על הפירות, דער מלמד האט זייער שיין מסביר געווען פאר די קינדער די הלכות פון ברכות, מען האט געברענגט אין חדר פרוכט און דאס גלייכן צו קענען ווייזן פאר די קינדער לעבעדיגע דוגמאות, אזוי אויך האט מען געלערנט אז אויף מעדעצין דארף מען נישט מאכן קיין ברכה - און אויפן וועג אהיים פון חדר איז דער מלמד אריין מיט די קינדער אין א אפטייק וואס איז נעבן חדר און זיי געוויזן ווי מען פארקויפט מעדעצין און אז מען דארף נישט מאכן קיין ברכות אויף די מעדעצינען.

### געלערנט די וואך

**דאס גרויסקייט פון צדיקים**

אין די וואכעדיגע פרשה זעט מען דאס גרויסקייט פון משה רבינו, ווען דער אייבערשטער האט געוואלט פארלענדן די אידן און בויען א נייע פאלק פון משה האט משה רבינו שטארק געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל מוחל זיין די אידן אויף די עבירה פונעם עגל, אפילו משה רבינו איז געווען נאנט צום אייבערשטן ער איז געווען אין הימל אים איז געווען גוט, מיט דעם האט ער נישט געווען רוהיג און צופרידן נאר ער האט געטון אלעס וואס ער האט נאר געקענט אז די אידן זאלן בלייבן לעבן און ווייטער זיין וואויל. דאס איז וואס די צדיקים טוען אלע דורות, זיי זענען נאנט צום אייבערשטן, אבער זיי רוהען נישט און שלאפן נישט נאר זיי פראבירן מיט אלע כוחות צוריקברענגען אלע אידן צום אייבערשטן

### א בילד פון חדר



דער מלמד לערנט מיט די קינדער משניות ברכות כיצד מברכין על הפירות

### מעשיות פון תפילה

**ש'כח אייבערשטער אז אין אונזער חדר געבט מען אריין אין די קינדער פון יונגערהייט די הייליגע עצות פונעם רבין און בפרט די עצה פון רעדן צום אייבערשטן, אלע קינדער אין חדר געוואוינען זיך צו אז יעדע זאך וואס זיי דארפן בעטן זיי פונעם אייבערשטן בתמימות ובפשיטות**

**מרדכי פערל** - איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז ווען דער רבי טיילט אויס טרונקען זאל ער מיר געבן אסאך טרונקען, ש'כח אייבערטשער דער רבי האט מיר געגעבן אסאך טרונקען

**מוטי פאפנהיים** - איך האב געהאט די וואך א חתונה און איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך וויל בלייבן ביז צום סוף פון די חתונה, ש'כח אייבערשטער איך בין געווען ביי די חתונה ביז צום סוף.

**רפאלי פאפנהיים** - איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז די קעץ וואס קומען ביי אונזערע טרעפ פון שטוב זאלן אויפהערן צו קומען, ש'כח אייבערשטער אז די קעץ קומען מער נישט ביי אונזערע טרעפ.